בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת עקב
כג מנחם-אב
מברכים חודש אלול
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 35
(87)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב




**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.**

## אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירִים זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיין גֶעטוּן אִין דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט, הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זֵייעֶר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי, אִיז עֶר אַרַיין צוּ זֵיי אִין שְׁטָאט אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי, אָבֶער זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְהֶערְן.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן דֶער גִּבּוֹר הַנַּ"ל אִיז אַלֶע מָאל צוּ גִיקוּמֶען נֶענְטֶער צוּ דֶער מְדִינָה אוּן עֶר הָאט אַלֶע מָאל גִישִׁיקְט זַיינֶע שְׁלוּחִים צוּ זֵיי. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶער מְדִינָה אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאט אוּן הָאט צוּ זֵיי אַרַיין גִישִׁיקְט זַיינֶע שְׁלוּחִים. (אַז זֵיי זָאלִין אִים זָאגִין וָואס זֵיי ווִילִין צוּ אוּנְטֶער גִיבִּין זִיךְ צוּ נַיין כַּנַּ"ל) הָאבִּין זֵיי זֵייעֶר גְרוֹיס מוֹרָא גִיהַאט פַאר אִים.

## מַיינֶע שְׁכֵנִים בַּאדֶערְן מִיךְ

דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מַכְנִיעַ זַיין צוּם גִּבּוֹר, וַוייל דֶער גִּבּוֹר דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶר הָאט פַארְ'מִיאוּס'ט גֶעלְט, אוּן דָאס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען קֶעגְן זֵייעֶר אֱמוּנָה, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פַאר אִים. דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז וֶוען עֶס קוּמְט אָן דִי מִדַּת גְּבוּרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּנֶעם גִּבּוֹר מִיט גֶעלְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אֵיין זַאךְ "הַכְנָעָה", ווִילַאנְג מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טְרַאכְט: דֶער בַּאדֶערְט מִיךְ, יֶענֶער בַּאדֶערְט מִיךְ, מַיין מִשְׁפָּחָה בַּאדֶערְט מִיךְ, מַיינֶע שְׁכֵנִים בַּאדֶערְן מִיךְ - גֵייט נִישְׁט דֶער גִּבּוֹר אַוֶועק, נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וואוּסֶענְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַלֶעס, וֶוערְט אַלֶעס גוּט.

הָאבִּין זֵיי גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז עֶר זָאל זֵיי אֵיין עֵצָה גֶעבִּין. הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה צוּ זֵיי גִיזָאגְט. מֶען בַּאדַארְף קְלֶערִין. דָאס פִירִיכְץ פוּן דֶעם גִּבּוֹר. כְּדֵי עֶר זָאל דוּרְךְ דֶעם דֶערְקֶענֶען. אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער גִּבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַּ"ל. אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. אוּן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען צוּם גִּבּוֹר. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ זַיין חַיִל פוּן דֶעם גִּבּוֹר. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁמוּסִין מִיט אֵיין גִּבּוֹר פוּן דִי גִּבּוֹרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם גִּבּוֹר (דְהַיְינוּ מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי וַוארְטֶעס) (כְּדֵי עֶר זָאל קְלֶערִין אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער גִּבּוֹר וָואס עֶר קָאן זִיךְ מִיט אִים) הָאט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיפְרֶעגְט. וָואס אִיז אַייעֶר טוּן. אוּן ווִי אַזוֹי זֶענְט אִיר אַייךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען מִיט דֶעם גִּבּוֹר הָאט עֶר אִים גֶיעֶנְפֶערְט (דְהַיְינוּ דֶער אֵיינֶער פוּן דִי גִּבּוֹרִים הָאט גִיעֶנְפֶערְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גִיוֶוען.

בַּאֲשֶׁר סֶע פַארְשְׁרִיבְּן אִין זֵייעֶרֶע קְרוֹינִיקֶעס. אַז סֶע אִיז אַמָאל גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רוּחַ סְעָרָה (דְהַיְינוּ אַ שְׁטוּרִים ווִינְט) אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה. הָאט אִיבֶּער גִיקֶערְט גָאר דִי וֶועלְט. עֶר הָאט אִיבֶּער גִיקֶערְט פוּן יַם יַבָּשָׁה אוּן פוּן יַבָּשָׁה יַם אוּן פוּן מִדְבָּר יִישׁוּב אוּן פוּן יִישׁוּב מִדְבָּר. אוּן עֶר הָאט גָאר דִי וֶועלְט פַארְמִישְׁט. אוּן נָאךְ דֶעם רַעַשׁ וָואס גָאר דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי פַארְמִישְׁט גִיוָוארְן. נָאךְ דֶעם הָאבְּן זִיךְ דִי מֶענְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. זֵיי ווִילִין זִיךְ מַאכִין אַ מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלֶערִין. וֶוער סֶע אִיז רָאוּי אַז מֶען זָאל אִים מַאכִין פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי. הָאבִּין זֵיי גִיקְלֶערְט. בַּאֲשֶׁר דֶער עִיקָּר אִיז זִיךְ נָאר דֶער תַּכְלִית. דְרִיבֶּער. וֶוער סֶע פָּארִיט זִיךְ מֶער אוּן אִיז זִיךְ מֶער מִשְׁתַּדֵּל אִין דֶעם תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט דֶער דָאזִיגֶער קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלֶערִין. וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית. אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוָוארִין כַּמָּה דֵעוֹת.

אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז דֶער עִיקָּר תַּכְלִית אִיז כָּבוֹד. וָוארִין מִיר זֶעהְן זִיךְ אַז כָּבוֹד אִיז דֶער עִיקָּר בַּיי דֶער וֶועלְט. וָוארִין אַז מֶען גִיט נִיט אָפּ דֶעם מֶענְשְׁן זַיין כָּבוֹד. דְהַיְינוּ אַז מֶע רֶעט אִים עֶפֶּעס אַ וָוארְט אַקֶעגִין זַיין כָּבוֹד. הָאט עֶר שְׁפִיכוּת דָמִים. וָוארִין דֶער עִיקָּר אִיז דֶער כָּבוֹד בַּיי גָאר דֶער וֶועלְט. אוּן נָאךְ דֶעם טוֹיט הִיט מֶען אוֹיךְ אָפּ. אַז מֶען זָאל אָפְּגִיבִּין דֶעם מֵת זַיין כָּבוֹד. אַז מֶען זָאל אִים מְקַבֵּר זַיין מִיט כָּבוֹד אוּן דֶעסְט גְלַייכִין. (אוּן מֶען זָאגְט אִים וָואס מֶע טוּט דִיר טוּט מֶען דִיר אַלְץ פוּן דַיין כָּבוֹד וֶועגִין) חָאטְשֶׁע נָאךְ דֶעם טוֹיט. ווִיל מֶען שׁוֹין נִיט קֵיין גֶעלְט אוּן דֶער מֵת גְלוּסְט שׁוֹין בְּוַודַּאי נִיט קֵיין שׁוּם זַאךְ. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט אוֹיף דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם מֵת אִיז מֶען מַקְפִּיד. אוּן מֶע הִיט אִים אָפּ זַיין כָּבוֹד. נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער כָּבוֹד דֶער עִיקָּר תַּכְלִית. אוּן נָאךְ אַזוֹינֶע סְבָרוֹת אוּן גִידְרַאנְגֶען אַזוֹינֶע הָאבִּין דִי דָאזִיגֶע אַלְץ גִיזָאגְט. אַז כָּבוֹד אִיז דֶער עִיקָּר תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט. בִּיז סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיבְּלִיבְּן. אַז דֶער עִיקָּר תַּכְלִית אִיז כָּבוֹד. אִיבֶּער דֶעם מוּז מֶען זוּכִין אֵיין אִישׁ מְכוּבָּד (כְּלוֹמַר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט כָּבוֹד) אוּן דֶערְצוּ זָאל דֶער מֶענְטְשׁ נָאךְ יָאגִין נָאךְ כָּבוֹד. וָוארִין וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט כָּבוֹד אוּן יָאגְט נָאךְ דֶעם כָּבוֹד. אוּן עֶר הֶעלְפְט דִי טֶבַע וָואס זִי ווִיל כָּבוֹד. נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִשְׁתַּדֵּל אוּן גֵייט נָאךְ דֶעם תַּכְלִית. אוּן הָאט דֶערְלַאנְגְט דֶעם תַּכְלִית. וָוארְן דֶער תַּכְלִית אִיז זִיךְ כָּבוֹד. כַּנַּ"ל. אִיבֶּער דֶעם דֶער מֶענְשׁ קֶער צוּ זַיין מֶלֶךְ.

## נַארִישֶׁע סְבָרוֹת

דָא לֵייגְט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה צוּ דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שְׁטִיקְל, ווִיבַּאלְד דֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר דִי סְבָרוֹת פוּן יֶעדְנְ'ס שִׁיטָה, זָאל מֶען חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען טַאקֶע אֱמֶת'ע סְבָרוֹת, דֶערְפַאר לֵייגְט עֶר צוּ אַז דָאס זֶענֶען בֶּאֱמֶת נַארִישֶׁע סְבָרוֹת אִין וָואס זֵיי זֶענֶען פַארְפִירְט גֶעוָוארְן.

## דִי לִינְקֶע אוּן דִי רֶעכְטֶע

מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (אִין סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז בְּשַׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי סְבָרוֹת פוּן אַלֶע גְרוּפֶּעס הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעלַאכְט פוּן זֵייעֶרֶע סְבָרוֹת, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: **"לַאכְט נִישְׁט, אִיךְ ווִיל עֶנְק נִישְׁט זָאגְן אַלֶע זֵייעֶרֶע סְבָרוֹת וַוייל דַאן וָואלְט עֶטְץ אוֹיךְ גֶעהַאלְטְן אַז זֵיי זֶענֶען גֶערֶעכְט"**. מֶען קֶען זֶען מֶענְטְשְׁן זִיךְ טַעֲנָה'נֶען וֶועגְן דִי

גוי'אִישֶׁע גְרוּפֶּעס, דִי לִינְקֶע אוּן דִי רֶעכְטֶע וְכוּ', מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס זֵייעֶרֶע סְבָרוֹת, כְּאִילוּ אֵיינֶע פוּן זֵיי זֶענֶען גֶערֶעכְט, זֶעט מֶען אַז מֶען קֶען נֶעמֶען אַלֶע פַארְדְרֵייטֶע שִׁיטוֹת אוּן עֶס מַסְבִּיר זַיין עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן וִוי אֱמֶת.

(אַזוֹי אִיז אַלְץ גִיוֶוען דִי נַארִישֶׁע דֵיעָה פוּן אַ טֵייל פוּן זֵיי. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אַזוֹי גִיפוּנֶען נַארִישֶׁע סְבָרוֹת. אוּן גִידְרַאנְגֶען בִּיז זֵיי זֶענֶען דְרִינֶען פַארְפִירְט גִיוָוארִין. אוּן הָאבִּין גִיזָאגְט אַז כָּבוֹד אִיז דֶער תַּכְלִית. אוּן אַזוֹי דִי אַלֶע כִּתּוֹת וָואס דָא וֶועט וַוייטֶער שְׁטֵיין הָאבִּין זֵיי אַלֶע גִיהַאט נַארִישֶׁע גִידְרַאנְגֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע דֵעוֹת).

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען זוּכִין אַזוֹי אַ מֶענְשְׁן. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין גִיזֶעהְן. וִוי מֶע הָאט גִיטְרָאגִין אֵיין אַלְטִין בֶּעטְלֶער אַ צִיגַיינֶער. אוּן סֶע זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען אֶפְשַׁר פִינֶעף הוּנְדֶערְט צִיגַיינֶערְס. אוּן דֶער בֶּעטְלִיר אִיז גִיוֶוען בְּלִינְד אוּן קְרוּם אוּן שְׁטוּם. אוּן דִי לַייט זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען.

## אַן אַלְטְן צִיגַיינֶער

דִי עֶרְשְׁטֶע גְרוּפֶּע הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז 'כָּבוֹד'; וֶוער עֶס הָאט דִי מֶערְסְטֶע כָּבוֹד אִיז פַּאסִיג צוּ וֶוערְן קֶענִיג, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטְן צִיגַיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען בְּלוּנְד, קְרוּם אוּן שְׁטוּם, אוּן זֵיי זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען.

## בְּלוּנְד, קְרוּם, שְׁטוּם

דָאס זֶעט מֶען לַיידֶער הַיינְט; מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן נָאךְ פִּירֶערְס וָואס קֶענֶען זֵיי גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ זֵיי אוּן בְּלַייבְּט 'בְּלוּנְד' -עֶר זֶעט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, 'קְרוּם' -עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן, אוּן 'שְׁטוּם' - עֶר רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען זִיצְט אָפּ יָארְן בַּיי אַ פְּלַאץ וואוּ דֶער עִיקָר אִיז כָּבוֹד, מֶען אִיז מַקְפִּיד אוּן מֶען בֵּייזֶערְט זִיךְ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט דָארְט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן.

וָוארִין זֵיי אַלֶע זֶענֶען גִיוֶוען זַיין מִשְׁפַּחְתִירֶע וָוארִין עֶר הָאט גִיהַאט שְׁוֶועסְטֶערְס. אוּן בְּרוּדֶערְס. אוּן זַיין זֶרַע מְרֵעִים. בִּיז סֶע אִיז פוּן זֵיי גִיוָוארִין אַזוֹי פִּיל. דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין אִים גִיטְרָאגִין. אוּן דֶער אַלְטֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גִיוֶוען אוֹיף זַיין כָּבוֹד. וָוארִין עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר בֵּייז. אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַלֶע מָאל אוֹיף זֵיי אַ גְרוֹיסִין בֵּייזֶער גִיטָאן. אוּן הָאט אַלֶע מָאל גִיהֵייסִין אַז אַנְדֶערֶע זָאלִין אִים טְרָאגִין. אוּן הָאט זִיךְ אַלֶע מָאל גִיבֵּייזֶערְט אוֹיף זֵיי. נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער אַלְטֶער בֶּעטְלֶער אַ גְרוֹיסֶער אִישׁ מְכוּבָּד. וָוארִין עֶר הָאט אַזוֹי אַ כָּבוֹד. אוּן יָאגְט אַזוֹי נָאךְ דֶעם כָּבוֹד. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף זַיין כָּבוֹד. אִיבֶּער דֶעם אִיז דֶער בֶּעטְלֶער זֵיי גִיפֶעלִין. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. אוּן וַוייל דָאס לַאנְד אִיז אוֹיךְ גוֹרֵם. וָוארִין סֶע פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס דִי מְדִינָה אִיז גוֹרֵם אוּן זִי אִיז מְסוּגָל צוּ כָּבוֹד. אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז מְסוּגָל צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע מִדָּה. אִיבֶּער דֶעם. הָאבִּין דִי כִּיתָּה (וָואס בַּיי זֵיי אִיז גִיוֶוען דֶער עִיקָר תַּכְלִית כָּבוֹד) גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז גוֹרֵם אוּן מְסוּגָל צוּ כָּבוֹד. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז מְסוּגָל דֶערְצוּ הָאבִּין זֵיי זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז נִיט דֶער כָּבוֹד אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיקְלֶערְט. אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז רְצִיחָה. וָוארִין מִיר זֶעהְן אַז אַלֶע זַאכִין וָואס סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. מוּזִין אַלֶע פַארְלֶענְט וֶוערְין. אוּן וָואס סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אִין דֶער וֶועלְט. גְרָאז אוּן אַלֶע פְרוּכְטִין אוּן מֶענְטְשְׁן אוּן אַלְץ וָואס אִין דֶער וֶועלְט. מוּז אַלְץ צוּם סוֹף נִישְׁט וֶוערְין. נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער תַּכְלִית פוּן אַלֶע זַאכִין אַז סֶע זָאל נִכְלָה וֶוערְין. (דְהַיְינוּ פַארְלֶענְט וֶוערְין) אִיבֶּער דֶעם אַ רוֹצֵחַ. וָואס עֶר הַרְגִ'יט אוּן פַארְלֶענְט מֶענְטְשְׁן. בְּרֶענְגְט עֶר זִיךְ דִי וֶועלְט צוּם תַּכְלִית אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָפְּגִיקְלֶערְט. אַז דֶער תַּכְלִית אִיז רְצִיחָה. הָאבִּין זֵיי גִיזוּכְט אַ מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר זָאל זַיין אַ רוֹצֵחַ אוּן אַ כַּעַסְן אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל קִנְאָה.

## אַלְץ קוּמְט פוּן 'קִנְאָה'

דָא אִיז מְרוּמָז אַז אַלֶע מַחֲלוֹקֶת וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, צְוִוישְׁן מִשְׁפָּחָה, שְׁכֵנִים, אוּן חֲבֵרִים - קוּמְט אַלְץ פוּן 'קִנְאָה', וַוייל אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע מִיט קִנְאָה, דֶער הָאט אַזַא וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דֶער הָאט אַזוֹיפִיל גֶעלְט, דֶער הָאט אַ שֵׁיינֶע הוֹיז, אוּן דֶער הָאט אַ שֵׁיינֶע קַאר - קוּמְט מֶען צוּ צוּ 'כַּעַס' אוּן דֶערְנָאךְ צוּ 'רְצִיחָה' רַחֲמָנָא לִצְלָן.

וָוארִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאם תַּכְלִית (וֶועדְלִיג זֵייעֶר פַארְפִירְטֶע דֵיעָה) אוּן דֶער קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען זוּכִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן.

הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט אַ גִישְׁרֵיי. הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט. וָואס אִיז דָאס אַזוֹי אַ גִישְׁרֵיי. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. דָאס גִישְׁרֵיי אִיז. וָואס אֵיינֶער הָאט זַיין פָאטֶער אוּן מוּטֶער גִיקוּילִיט. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפִין. וִוי גִיפִינְט זִיךְ נָאךְ אַזוֹי אַ רוֹצֵחַ וָואס עֶר זָאל אַזוֹי אַ שְׁטַארְק הַארְץ הָאבִּין אוּן זָאל זַיין אַזוֹי אַ כַּעַסְן. אַז עֶר זָאל הַרְגֶענֶען פָאטֶער אוּן מוּטֶער. אָט דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶערְלַאנְגְט דֶעם תַּכְלִית (דְהַיְינוּ דֶער וָואס הָאט פָאטֶער אוּן מוּטֶער גִיקוּילֶעט) אוּן עֶר אִיז זֵיי ווֹאוּיל גִיפֶעלִין. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַמְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין (דְהַיְינוּ זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערִין) צוּ רְצִיחָה. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין אָרְט צְוִוישְׁן בֶּערְג. וָואס דָארְטִין הַאלְטִין זִיךְ רוֹצְחִים. אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיגַאנְגֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מִיט זֵייעֶר מֶלֶךְ.

אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז סֶע קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. דֶער וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ עֶסִין אוּן עֶר עֶסְט נִיט דָאס עֶסִין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן נָאר אֵיידְלֶע זַאכִין. אוּן אַזוֹי אַ מֶענְשׁ קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ נָאר זֵיי הָאבִּין תֵּיכֶף נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן. וָואס עֶר זָאל נִיט עֶסִין דָאס עֶסִין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשְׁן. הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְוַוייל אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין עוֹשֶׁר וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ עֶסִין (אוּן זַיין עֶסִין אִיז אַבִּיסִיל אֵיידְלֶער) בִּיז זֵיי וֶועלִין גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן וִוי זֵיי ווִילִין. וָואס עֶר זָאל נִיט עֶסִין וְכוּ' כַּנַ"ל.

## אַזַא עֶסְן אוּן אַזַא עֶסְן

דֶער שִׁיטָּה זֶעט מֶען לַיידֶער בַּיי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייבְּן אָן הֶערְן דִי הַאטְלֵיינְס וָואס רֶעדְן פוּן וֶועלְכֶע עֶסְן צוּ עֶסְן, אַזַא עֶסְן אוּן אַזַא עֶסְן. בַּיי פְּרוּיעֶן אִיז עֶס נָאכְמֶער אַרַיינְגֶעכַאפְּט, מֶען מַאכְט דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶע תַּכְלִית, אַ גַאנְצֶע אֱמוּנָה, זָאגְט דֶער רֶבִּי דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט רִיכְטִיג, נִישְׁט דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית.

אוּן דֶערְוַוייל הָאבִּין זֵיי גִימַאכְט דֶעם עוֹשֶׁר פַאר אַ מֶלֶךְ. בִּיז זֵיי וֶועלִין גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְשׁ וִוי זֵיי ווִילִין כַּנַ"ל דֶעמוּלְט וֶועט דֶער עוֹשֶׁר אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה. אוּן מֶע וֶועט יֶענֶעם אוֹיף נֶעמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט אַז אַ יְפַת תּוֹאַר קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז זִיךְ. אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְטְשְׁן. וָוארִין פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיז זִיךְ דִי וֶועלְט בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין. אוּן וַוייל אַ יְפַת תּוֹאַר בְּרֶענְגְט צוּ דֶער תַּאֲוָה. וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט גְרֶעסֶער דֶער יִישּׁוּב פוּן דֶער וֶועלְט. (וָוארִין סֶע וֶוערְן מֶער מֶענְשְׁן) נִמְצָא בְּרֶענְגְט זִי זִיךְ צוּם תַּכְלִית. אִיבֶּער דֶעם קֶער אַ יְפַת תּוֹאַר צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַ יְפַת תּוֹאַר אוּן זִי אִיז אִיבֶּער זֵיי גִיוָוארִין מֶלֶךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס סֶע זָאל דֶערְצוּ קֶערִין. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

דֶער גְרוּפֶּע זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶעלִיגְן אִין שְׁמוּץ, אִין נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז דֶער דִיבּוּר. וָוארִין דֶער חִילּוּק פוּן אַ מֶענְשׁ בִּיז אַ בְּהֵמָה. אִיז זִיךְ נָאר דֶער דִיבּוּר. אוּן אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַ בְּהֵמָה. אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס דֶער עִיקָר תַּכְלִית (דְהַיְינוּ דֶער דִיבּוּר) הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִיזוּכְט אַ דַבְּרָן (דְהַיְינוּ אַ רֵיידִיר) וָואס עֶר זָאל זַיין אַ בַּעַל לָשׁוֹן. וָואס עֶר זָאל קֶענֶען כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת. אוּן עֶר זָאל אַסַאךְ רֵיידִין תָּמִיד. וָוארִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ. עֶר אִיז בַּאם תַּכְלִית. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ מְשׁוּגָּעְנִים פְרַאנְצוֹיז וָואס עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט צוּ זִיךְ אַלֵיין גִירֶעט. הָאבִּין זֵיי אִים גְפְרֶעגְט. צוּ עֶר קֶען לְשׁוֹנוֹת. הָאט עֶר גְווּאוּסְט כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת אוּן אַזוֹי אַ מֶענְשׁ דֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין בְּוַודַּאי דֶערְלַאנְגְט דֶעם תַּכְלִית. (נָאךְ זֵייעֶר נַארִישֶׁע פַארְפִירְטֶע דֵעָה נָאךְ) וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ בַּעַל לָשׁוֹן אוּן עֶר ווֵייסְט כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת. אוּן עֶר רֶעט זֵייעֶר אַסַאךְ. וָוארִין עֶר רֶעט זִיךְ אַפִילוּ צוּ זִיךְ אַלֵיין. אִיבֶּער דֶעם. אִיז עֶר זֵיי ווֹאוּיל גִיפֶעלִין. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערִין. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מִיט זֵייעֶר מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט זֵיי בְּוַודַּאי גִיפִירְט בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר.

אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז שִׂמְחָה. וָוארִין אַז אַ קִינְד וֶועט גִיבּוֹירִין. אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ אַז סֶע אִיז אַ חַתּוּנָה אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ. אַז מֶען נֶעמְט אָפּ אַ מְדִינָה. אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ. נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר תַּכְלִית פוּן אַלִימֶען נָאר שִׂמְחָה. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי גִיזוּכְט אַ מֶענְשְׁן וָואס עֶר זָאל תָּמִיד פְרֵיילִיךְ זַיין. וָוארִין דֶער אִיז זִיךְ בַּאם תַּכְלִית. אוּן דֶער קֶער צוּ זַיין מֶלֶךְ אוֹיף זֵיי. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען זוּכִין הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן סֶע גִיגַאנְגֶען אַ גוֹי אִין אֵיין מִיאוּס הֶעמְד אוּן הָאט גִיטְרָאגִין אַ פְלֶעשִׁיל בְּרַאנְטְוַויין. אוּן סֶע זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען כַּמָּה גוֹיִים. אוּן דֶער גוֹי אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען. וָוארִין עֶר אִיז זֵייעֶר שִׁיכּוֹר גִיוֶוען. הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן אַז דֶער גוֹי אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט קֵיין שׁוּם דַאֲגָה נִיט. אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר ווֹאוּיל גִיפֶעלִין דֶער גוֹי. וָוארִין עֶר אִיז בַּאם תַּכְלִית. וָוארִין דֶער תַּכְלִית אִיז זִיךְ נָאר שִׂמְחָה. הָאבִּין זֵיי דֶעם גוֹי אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי. אוּן עֶר הָאט זֵיי בְּוַודַּאי גִיפִירְט בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר.

## אַ 'שִׁכּוֹר' פַאר אַ 'רֶבִּי'

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: שְׁטֶעל זִיךְ פָּאר, אַ 'שִׁכּוֹר' פַאר אַ 'רֶבִּי'...

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערְן. דְהַיְינוּ דָארְט ווִי וַויין גֶערְטְנֶער זֶענֶען אַז מֶען זָאל מַאכִין וַויין אוּן פוּן דִי קֶערְנֶדְלִיךְ פוּן דִי ווייַן טְרוֹיבִּין. זָאל מֶען מַאכִין בְּרַאנְפְּטַוויין. אוּן סֶע זָאל גָאר נִיט גֵיין לְאִבּוּד קֵיין שׁוּם זַאךְ פוּן דִי וַויין טְרוֹיבִּין. וָוארִין דָאס אִיז זִיךְ בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר תַּכְלִית גִיוֶוען אַז מֶען זָאל טְרִינְקֶען אוּן מֶע זָאל שִׁכֶּרִין אוּן מֶע זָאל תָּמִיד פְרֵייליךְ זַיין. חָאטְשֶׁע מֶע ווֵייסְט גָאר נִיט מִיט וָואס. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גָאר נִיט מִיט עֶפֶּעס פְרֵייליךְ צוּ זַיין. אִיז אָבֶּער פָּארְט בַּיי זֵיי דָאס דֶער עִיקָר תַּכְלִית גִיוֶוען אַז מֶע זָאל תָּמִיד פְרֵייליךְ זַיין. אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה וָואס סֶע קֶער דֶערְצוּ כַּנַּ"ל. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

## מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵייליךְ

דֶער גְרוּפֶּע וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער עִיקָר אִיז 'שִׂמְחָה' זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען קָרוֹב לֶאֱמֶת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ, אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵייליךְ, זַיין פְרֵייליךְ מִיט טְרִינְקֶען אוּן שִׁיכּוֹר'ן אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אִיז נִישְׁט קֵיין אֱמֶת'ע שִׂמְחָה.

## פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין פֵּיאוֹת

אֱמֶת'ע שִׂמְחָה אִיז ווען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים: **"פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין פֵּיאוֹת", פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין צִיצִית", פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הִיטְס שַׁבָּת", "פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד"** - דָאס אִיז אַן אֱמֶת'ע שִׂמְחָה. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הַיילְפְּרִין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער; סוֹף יָמָיו הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי מַחֲלָה כָאלֶערַע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט לִיגְן אַלֵיינְס אִין אַ צִימֶער, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין מִיט אִים, פְלֶעגְט זַיין ווַייבּ קוּמֶען רֶעדְן צוּ אִים דוּרְךְ אַ קְלֵיינֶע פֶענְסְטֶער, זִי הָאט אַרֵיין גֶעשְׁרִיגְן צוּ אִים פְרֶעגְנְדִיג: **"יִשְׂרָאֵל, וָואס מַאכְסְטוּ?"** הָאט עֶר אַרוֹיס גֶעשְׁרִיגְן צוּ אִיר: **"דַאנְקֶען גָאט** [דָאס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי אִין אוּנְזֶער שְׁפְּרַאךְ 'שְׁכּוֹחַ אייבֶּערְשְׁטֶער'] **אַז אִיךְ גֵיי אַוֶועק מִזֶּה הָעוֹלָם מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת!"** דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט'ן אייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה אַז אִיךְ גֵיי מִיט 'בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת', אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה אַז אִיךְ לֵייג 'תְּפִילִין', אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה אַז אִיךְ הִיט 'שַׁבָּת', אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה אַז אִיךְ הָאבּ אַ 'מְזוּזָה', אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה אַז אִיךְ עֶס 'כָּשֵׁר'ס'.

## דִי גְרֶעסְטֶע חִינוּךְ

מֶען קֶען מִיר שׁוֹין נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, **"אָבֶּער"...** עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין 'אָבֶּער...' אַז קוֹיף אַ הוֹיז אוּן אִיךְ לֵייג אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר דַארְף אִיךְ מֶער גַארְנִישְׁט, יֶעדֶע רֶגַע בִּין אִיךְ מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן מְזוּזָה. דָאס אִיז מַיין שִׂמְחָה, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ דֶערְמִיט, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי אַרוֹיס אָדֶער אִיךְ קוּם אַהֵיים בִּין אִיךְ זִיךְ מְקַשֵּׁר מִיט'ן אייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ גֶעבּ אַ קוּשׁ דִי מְזוּזָה. אוּן שְׁטֵייעֶנְדִיג בַּיים מְזוּזָה שֶׁעפְּשֶׁע אִיךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה צוּם אייבֶּערְשְׁטְן; סְתַּם אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּם אייבֶּערְשְׁטְן שְׁטִיל, כְּדֵי אַנְדֶערֶע זָאלְן נִישְׁט הֶערְן, אָבֶּער אַז מֶען גֵייט מִיט קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט פַּרְאוֶון קֵיין עֲנָוָה, פוּן קִינְדֶער בַּאהַאלְט מֶען זִיךְ נִישְׁט, קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן זֶען ווִי זֵייעֶר טַאטֶע רֶעדְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חִינוּךְ ווען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער ווילְן עֶפֶּעס פְרֶעגְן פוּנֶעם טַאטֶע'ן אוּן דֶער טַאטֶע זָאגְט זֵיי: **"וַוארְט אֵיין מִינוּט, אִיךְ רֶעד יֶעצְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן!"** אוּן ווען מֶען גֵייט דוּרְךְ דִי מְזוּזָה מִיט דִי קִינְדֶער זָאגְט מֶען הוֹיךְ: **"שְׁכּוֹחַ אייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע פַיינֶע קִינְדֶער"**, **"שְׁכּוֹחַ אייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט"**, **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר זָאלְן גֵיין בְּשָׁלוֹם אוּן צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם"**, **"שְׁכּוֹחַ אייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין צוּרִיק אַהֵיים בְּשָׁלוֹם"**, דָאס אִיז אוּנְזֶער שִׂמְחָה, נִישְׁט מִיט בְּרוֹינְפְן אוּן שִׁיכּוֹר'ן, נָאר מִיט'ן אייבֶּערְשְׁטְן.

**דָא הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** אִיךְ ווִיל נִישְׁט בְּלֵייבְּן שְׁטֵיין בַּיי דֶעם שְׁטִיקֶל, אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, ווֶעלְן מִיר גֵיין ווַייטֶער צוּ דִי אַנְדֶערֶע גְרוּפֶּעס. דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווַייטֶער:

אַ טֵייל הָאבְּן גִיזָאגְט אַז דֶער עִיקָר אִיז חָכְמָה.

## וָואס אִיז חָכְמָה?

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דָאס אִיז טַאקֶע רִיכְטִיג אַז דֶער עִיקָר אִיז חָכְמָה, אָבֶּער וָואס אִיז חָכְמָה? דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קיא, י): **"רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה'"**, דִי גַאנְצֶע חָכְמָה אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר זָאגְט (תִּיקוּנֵי זֹהַר ד:): 'חָכְמָה' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת כֹּ"חַ מָ"ה, דָאס הֵייסְט, 'חָכְמָה' אִיז ווען דֶער מֶענְטְשׁ ווֵייסְט אַז זַיין כֹּחַ אִיז גָארְנִישְׁט, נָאר אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן.

## מַמָּשׁ אַ דְזְשִׁינִיעֶס

אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם, אוּן דֶער וָואס רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶר זָאל זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען רוּפְט אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶער חָכָם, "מַמָּשׁ אַ דְזְשִׁינִיעֶס מֹחַ (אַ גְאוֹנִי'שֶׁע קָאפּ)", מֵיינְט נַאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז אַ חָכָם, מִיט וָואס אִיז עֶר קְלוּג? אַז עֶר קֶען צוּלֵייגְן פְּחָדִים?! מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְנוּמֶען רֶעדְן וָואס גֵייט זַיין, נָאךְ אַבִּיסְל ווֶעט גֶעלְט ווֶערְן שְׁמַאטֶעס, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל ווֶעט אַ 'פִינֶעוֶוער' זַיין דֶער אַמֶערִיקַאנֶער 'נִיקֶל', אוּן נָאךְ אַבִּיסְל אִיז גָארְנִישְׁט דָא, אוּן מֶענְטְשְׁן שְׁטֵייעֶן אַרוּם אוּן הֶערְן אוֹיס... דֶער אִיז נִישְׁט קֵיין חָכָם, אַ חָכָם אִיז אֵיינֶער וָואס זָאגְט: **"עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער! אַלֶעס מַאכְט דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער, דַיין מִשְׁפָּחָה אִיז פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, דַיין ווַייבּ אִיז פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן"**.

## טְרַאכְטְן פוּנֶעם שֵׁם אדנ"י

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעזָאגְט אַז אִיךְ פְלֶעג אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם 'צֶעטְל קָטָן', אִיךְ קֶען נָאךְ ווַייזְן מַיינֶע גְמָרוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגִינְצְט אִין יְשִׁיבָה ווִי עֶס אִיז אַרֵיין גֶעקְלֶעבְּט אַ צֶעטְל קָטָן, יֶעדֶעס מָאל אֵיידֶער מֶען הָאט גֶע'חַזֶר'ט דִי גְמָרָא מִיט דִי חַבְרוּתוֹת פְלֶעגְן מִיר קוֹדֶם לֶערְנֶען אַבִּיסְל דֶעם צֶעטְל קָטָן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער חִיוּת אִין יְשִׁיבָה; הָאבּ אִיךְ אַמָאל גֶעפְרֶעגְט מַיין מַגִּיד שִׁיעוּר, אַ חָשׁוּבֶ'ער אִיד, [אַ בָּאבּוֹבֶ'ער חָסִיד, עֶר פְלֶעגְט לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִין יְשִׁיבָה], וָואס אִיז פְּשָׁט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (צֶעטְל קָטָן אוֹת ה): **"וּבְהִזְדַּמֵּן לְפָנָיו אִשָּׁה אֲפִילוּ אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו הַקְּטַנִּים וְכַיּוֹצֵא יְצַיֵּיר לִפְנֵי עֵינָיו הַשֵּׁם אדנ"י"**, ווען דִי ווַייבּ אוּן קִינְדֶער קוּמֶען אַרֵיין זָאל מֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם שֵׁם אדנ"י; אִיךְ פְּשׁוּט'ע מֶענְטְשׁ ווען אִיךְ ווֶעל חַתּוּנָה הָאבְּן אוּן

אִיךְ גֵיי זֶען מַיינֶע קִינְדֶער זָאל אִיךְ יֶעדֶעס מָאל טְרַאכְטְן פוּנֶעם שֵׁם אדנ"י? הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט גֶעהֶערִיג וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז עַל פִּי קַבָּלָה.

## עֶס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער

מֶען קֶען דָאס מַסְבִּיר זַיין מִיט שֵׁמוֹת, עַל פִּי סוֹד, אָבֶּער בַּיים רֶבִּי'ן הָאט אַלֶעס אַ פְּשׁוּטֶ'ער פְּשַׁט, וָואס מֶען קֶען טוּן לְמַעֲשֶׂה. וֶוען דִי וַוייבּ קוּמְט אַרַיין בֶּעטְן עֶפֶּעס, זִי שְׁרַייט, זִי בֶּעט גֶעלְט, אָדֶער זִי רֶעדְט זִיךְ אָפּ, **אִיז עֶס "שֵׁם אדנ"י", עֶס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מַיינֶע קִינְדֶער שְׁטֶערְן מִיר, זַיי מוּטְשֶׁעןְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיז דָאס אוֹיךְ "שֵׁם אדנ"י" - אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דָאס צוּ וִויסְן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע 'חָכְמָה'.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִיזוּכְט אַ גְרוֹיסִין חָכָם. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי קֶער צוּ חָכְמָה. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז אַז מֶע זָאל זִיךְ פִּילֶעוִוין אִין עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען. מֶע זָאל גְרִיסִין דִי אֵבָרִים.

## אִיבוּנְגֶען אוֹיף זֵייעֶר נְשָׁמָה

דָאס אִיז אוֹיךְ דָא הַיינְט, בָּחוּרִים הָאבְּן דִי תַּאֲוָה, מֶען מַאכְט אִיבוּנְגֶען (PUSH UPS אוּן PULL UPS), מֶען הֵייבְּט אוֹיף שְׁוֶוערֶע זַאכְן כְּדֵי אוֹיפְצוּאַרְבֶּעטְן דִי אֵבָרִים בִּיז מֶען זָאל קֶענֶען אַרוֹיס זֶען יֶעדֶע בֵּיין... אִין מַיינֶע אוֹיגְן אִיז דָאס אַרוֹיסְזֶען בֵּיינֶער 'אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ', זֶען אַ בֵּיין פוּן אַ מֶענְטְשׁ...? אָבֶּער בַּיי גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן אִיז דָאס זֵייעֶר פַארְגֶעניגֶען; לְהַבְדִּיל בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם אִיז דָא דֶער זַאךְ פוּן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי קֶערְפֶּער, אָבֶּער צַדִיקִים אַרְבֶּעטְן אוֹיס זֵייעֶר נְשָׁמָה, זֵיי מַאכְן אִיבוּנְגֶען אוֹיף זֵייעֶר נְשָׁמָה.

אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזוּכְט אַ בַּעַל אֵבָרִים. דְהַיְינוּ אַזוֹינֶער וָואס עֶר הָאט גְרוֹיסֶע אֵבָרִים. אוּן עֶר פִּילֶעוִוִיט זִיךְ צוּ גְרִיסִין זַיינֶע אֵבָרִים. (דְהַיְינוּ דִי גְלִידֶער פוּן דֶעם גוּף). וָוארִין וַוייל עֶר הָאט גְרוֹיסֶע אֵבָרִים הָאט עֶר זִיךְ מֶער חֵלֶק אִין דֶער וֶועלְט. וָוארִין עֶר פַארְנֶעמְט מֶער אָרְט אִין דֶער וֶועלְט. אוּן דֶער מֶענְשׁ אִיז נֶעהֶנְטֶער צוּם תַּכְלִית. וָוארִין דֶער תַּכְלִית אִיז זִיךְ. אַז מֶע זָאל גְרִיסִין דִי אֵבָרִים. אִיבֶּער דֶעם. אַזוֹי אַ מֶענְשׁ קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ לַאנְגִין וֵויינְגֶער. אִיז עֶר זֵיי גִיפֶעלִין וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ בַּעַל אֵיבָרִים. אוּן עֶר אִיז בַּאם תַּכְלִית הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

אוּן סֶע גִיוֶוען אֵיין אַנְדֶערֶע כִּתָּה.

דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶע כִּתָּה.

וָואס זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז דִי אַלֶע זַאכִין זֶענֶען אַלֶע גָאר קַיין תַּכְלִית נִיט. נָאר דֶער רֶעכְטֶער תַּכְלִית אִיז. אַז מֶע זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה צוּ הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ אוּן מֶען זָאל זַיין אֵיין עָנָיו אוּן אַ שְׁפַל בֶּרֶךְ. (כְּלוֹמַר מֶע זָאל פוּן זִיךְ גָאר נִיט הַאלְטִין) וְכוּ'.

אַן 'עָנָיו' אִיז אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּן זִיךְ, עֶר טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ בַּעַל תְּפִלָּה אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי.

שְׁרַייבְּט יֶעצְט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (דִי אַיינְגֶערִינְגֶעלְטֶע וֶוערְטֶער פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאט רֶבִּי נָתָן צוּגֶעלֵייגְט):

(דָאס פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין אַלֵיין אַז דִי אַלֶע כִּתּוֹת הַנַ"ל הָאבִּין זִיךְ אַלֶע טוֹעֶה גִיוֶוען אוּן זֶענֶען אַלֶע פַארְפִירְט גִיוָוארְן אִין גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקַייט. אִיטְלִיכֶע כִּיתָּה אִין אִיר נַארִישְׁקַייט דָארְךְ זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע סְבָרוֹת אוּן נַארִישֶׁע גִידְרַאנְגֶען. נָאר דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע כִּיתָּה דִי הָאבִּין צוּ גִיטְרָאפִין דֶעם רֶעכְטִין אֶמֶת. אַז ווְאוִיל אִיז זֵיי).

דָאס הָאט אַלֶץ דֶערְצֵיילְט אֵיינֶער פוּן דִי גִיבּוֹרִים פַאר דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה.

אוּן עֶר הָאט אִים וַויטֶער דֶערְצֵיילְט. אַז זֵיי. (דְהַיְינוּ דִי גִיבּוֹרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם גִבּוֹר כַּנַ"ל) זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער כִּיתָּה פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים כַּנַ"ל (דְהַיְינוּ דִי כִּיתָּה וָואס זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר אַז מֶע זָאל זִיךְ פִּילֶעוִוין צוּ גְרֵייסִין דִי אֵבָרִים) וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ אַ בַּעַל אֵבָרִים כַּנַ"ל (דְהַיְינוּ אַ גְרוֹיסִין מֶענְטְשְׁן כַּנַ"ל).

## דֶערְצֵיילְן נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה צִי עֶר אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פוּן וֶועם דֶער רֶבִּי רֶעדְט, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "**דֶער רֶבִּי אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, הַלְוַאי זָאלְן מִיר זַיין פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה'ס לַייט**". לָאמִיר זַיין פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה'ס לַייט, לָאמִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף - וֶועל אִיךְ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל - וֶועל אִיךְ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אוֹיף מִיר אִיבֶּער - וֶועל אִיךְ דֶערְצֵיילְן נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג

נָאכְדֶעם וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג, וַוייל דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם, מִיט אַ שָׁכֵן, מִיט אַ לֶענְדְלָארְד, מִיט אַ טֶעטֶענְט, אַלֶעס קוּמְט וַוייל עֶר פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דִי רֶגַע דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְמַאנְט זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, בַּארוּאִיגְט עֶר זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעבְּרֶענְגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעמַאכְט, לָאמִיךְ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ 'שְׁלוֹם בַּיִת' אִיז נָאר מֶעגְלִיךְ צוּ הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת נָאר אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת? ווִי אַזוֹי קֶענֶען צְווֵיי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן צוּזַאמֶען? דֶער מַאן הָאט אֵיין וֶועג ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב, אוּן דִי וַוייבּ הָאט אַ אַנְדֶערֶע וֶועג ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב; עֶר הָאט אֵיין וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ עֶסְן, אוּן זִי הָאט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ עֶסְן; אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ, צְווֵיי מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן דָאךְ נִישְׁט אֵיינִיג, ווִי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ? אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּב, אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן מַיין וַוייבּ, אִיךְ וֶועל זִיךְ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת.

## פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ

אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט מֵיינֶען אַז כְּדֵי צוּ קֶענֶען הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע דְזָשָׁאבּ אוּן פַארְדִינֶען שֵׁיין, אַזוֹי וֶועט מֶען מִיט גֶעלְט קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, צוּ הָאבְּן 'שְׁלוֹם בַּיִת' דַארְף מֶען בְּלוֹיז רֶעדְן שֵׁיין, רֶעדְן וֵוייךְ אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

דָאס אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה'ס עֵצוֹת, עֶר לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶץ בְּלַייבְּן אִינֶעם חֶדֶר פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, מִיר זָאלְן אַלֶץ בְּלַייבְּן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "**שַׁבַּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ**".